# אפליקאציע פאר פובליק פארזאמלונג פערמיט ביי סטעיט אייגנטום אונטער די אויטאריטעט, קאסטאדי אדער קאנטראל פון OGS

**(301.6 אפטיילונג 9 NYCRR)** בלאט 1 פון 3

NEW YORK STATE | Office of General Services

| | |
|---|---|
| **1. אפליקאנט** | **2. דאטום פון אפליקאציע** |
| **3. אפליקאנט'ס אדרעס** | **4. אפליקאנט'ס טעלעפאן** |

| | | |
|---|---|---|
| **5. נאמען פון פארזאמלונג פירער** | **6. פארזאמלונג פירער טעלעפאן** | **7. פארזאמלונג פירער סעלפאן** |

**8. פארזאמלונג פירער אימעיל אדרעס**

**9. פארזאמלונג פירער אדרעס**

**10. דאטום פון פארזאמלונג** (מאנאט/טאג/יאר)

**11. טאג פון וואך**

☐ מאנטאג ☐ דינסטאג ☐ מיטוואך ☐ דאנערשטאג ☐ פרייטאג ☐ שבת ☐ זונטאג

**12. אנהויב צייט** אריינגערעכנט סיי וועלכע צייט נויטיג זיך אנצוגרייטן

**13. ענדע צייט** אריינגערעכנט סיי וועלכע צייט נויטיג צאמצונעמען און אויסליידיגן

**14. נאטור פונעם פארזאמלונג (שילדערט אקטיוויטעט)**

**15. האט איר שוין פאר דעם אריינגעגעבן פאר א פערמיט אפליקאציע? אויב יא, ביטע צייגט אן די דאטום פון אייער אפליקאציע און די נאמען פונעם אפליקאנט.**

**16. לאקאציע פון די פארזאמלונג**

**17. וויפיל אנטיילנעמער וועט אייער פארזאמלונג ציען?**
*אויב מער ווי 5,000 אנטיילנעמער, וועט א טייל 18 פערמיט אויך זיין פארלאנגט. זעהט אונטן.

**18. געשאצטע צאל פון באסעס**

**19. דארפט מען סיי וועלכע פון די פאלגנדע פאליצי סערוויסעס ביים פובליק פארזאמלונג?**

☐ טראפיק קאנטראל — אויב יא, ערקלערט ←
☐ קאנטראל פון די מאסן — אויב יא, ערקלערט ←

**20. וועלכע געצייג און זאכן וועט איר האבן אויפן ארט?**

☐ טאוולען, פלאקאטן
☐ טישן, צאל: ______
☐ בענקלעך, צאל: ______
☐ פלאטפארמע
☐ באלייכטונג געצייג
☐ שילדן, מאס: ______ צאל: ______
☐ פארטעבל סאונד סיסטעם
☐ פארטיילונג פון ליטעראטור
☐ עפעס אנדערש, ערקלערט אונטן:
☐ דזשענערעיטאר
☐ טוילעטס, צאל: ______

**21. שטעלט צו די נעמען פון די פירמעס און פארבינדונג אינפארמאציע פאר די פירמעס וואס שטעלן צו סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע זאכן:**

***אין איינקלאנג מיט טייל 18 פון טיטל 10 פון די ניו יארק קאודס, געזעצן און פארשריפטן (New York Codes, Rules and Regulations), מוז סיי וועלכע פובליק פארזאמלונג וואס וועט מעגליך ציען 5,000 אדער מער אנטיילנעמער אויך פארלאנגען א פערמיט ארויסגעגעבן דורך דעם דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health), און סיי וועלכע באשטעטיגונג פון די אפליקאציע וועט זיין געוואנדן אז דער אפליקאנט וועט באקומען אזא פערמיט פון די העלט דעפארטמענט.**

פארגעזעצט ←

**אפליקאציע פאר פובליק פארזאמלונג פערמיט ביי סטעיט אייגנטום אונטער די אויטאריטעט, קאסטאדי אדער קאנטראל פון OGS**

**(9 NYCRR אפטיילונג 301.6)** בלאט 2 פון 3

**22. וועט אייער ארגאניזאציע אויפרוימען די פלאץ נאך דעם פארזאמלונג?**
☐ יא ◯ ניין

**23. וועט אייער פארזאמלונג פארלאנגען די באנוץ פון עלעקטריק קראפט?**
☐ יא ◯ ניין

**24. וועט מען נוצן וואלונטירן צו געבן הילף ביי די פארזאמלונג?**
◯ יא ◯ ניין אויב יא, וויפיל:

**25. אויב יא, וויאזוי וועלן וואלונטירן ווערן אידענטיפיצירט?**
☐ הוט - קאליר: ______
☐ בעדזש - קאליר: ______
☐ העמד - קאליר: ______
☐ עפעס אנדערש, ספעציפיצירט: ______

**26. נאמען פון וואלונטיר קאארדינירער**

**27. וואלונטיר קאארדינירער טעלעפאן**

**28. וואלונטיר קאארדינירער אדרעס**

**29. איז דא א לאגישע מעגליכקייט אז א פערזאן(ען) זאלן וועלן צושטערן אייער פארזאמלונג? אויב יא, ערקלערט:**

**די פארענדיגטע בויגן זאל ווערן אריינגעשיקט דורך אימעיל צו Special.Events@ogs.ny.gov**
**אדער דורך פאסט צו: NYS-OGS Convention & Cultural Events, ESP Concourse Room 130, Albany, NY 12242.**

**באדינגונגען וואס זענען שייך פאר די אפליקאציע פראצעדור געפונען זיך אין טייל 301 פון טיטל 9 פון די ניו יארק קאודס, געזעצן און פארשריפטן. אויסצוג פון טייל 301 קען מען טרעפן אויף די פאלגנדע בלאט פון די אפליקאציע.**

**ענדגילטיגע באשטעטיגונג איז געוואנדן אויב מען שיקט צוריק די אפליקאציע כאטש 30 קאלענדער טעג איידער די דאטום פון דעם פארגעשלאגענעם פובליק פארזאמלונג.**

______ פארזאמלונג פירער'ס אונטערשריפט

______ דאטום

______ פארזאמלונג פירער'ס נאמען און טיטל (דריקט)

***אין איינקלאנג מיט טייל 18 פון טיטל 10 פון די ניו יארק קאודס, געזעצן און פארשריפטן, מוז סיי וועלכע פובליק פארזאמלונג וואס וועט מעגליך ציען 5,000 אדער מער אנטיילנעמער אויך פארלאנגען א פערמיט ארויסגעגעבן דורך דעם דעפארטמענט אוו העלט, און סיי וועלכע באשטעטיגונג פון די אפליקאציע וועט זיין געוואנדן אז דער אפליקאנט וועט באקומען אזא פערמיט פון די העלט דעפארטמענט.**

**פובליק העלט, זיכערהייט אדער וואוילזיין מיטלען**
פערזאנען אדער ארגאניזאציע וואס געבן אריין פאר פערמיטס צו דעמאנסטרירן אויף סטעיט אייגנטום, וועט די ערווארטעט אנטיילנעמונג אין פארבינדונג צו די מאס פון די אויסגעוועלטע פלאץ ברענגט ארויף פובליק העלט, זיכערהייט אדער וואוילזיין זארגן, ווי לאגיש באשטימט דורך דער קאמישאנער, קען זיין פארלאנגט צוצושטעלן ביי זייער אייגענע קאסט אזוי ווי סערוויסעס אדער פאסיליטעטן ווי עס קען ווערן פארלאנגט אין די לאגישע אפמאכונג פונעם קאמישאנער, צו גרינגער מאכן די זיכערהייט אויפפירונג פון די דעמאנסטראציע. סערוויסעס אדער פאסיליטעטן קענען אריינרעכענען, אבער זאלן נישט זיין באגרעניצט צו: זיכערהייט מיטלען, ערשטע הילף איינריכטונגען, פארטעבל טוילעט איינריכטונגען, מיסט האלטער, אוועקנעמען מיסט, אויפרייניגונג, צושטעלן עלעקטריק און באהעפטונג פאר דעם.

**קאמערציאלע פארקויפער ווערן פארבאטן פון אריינקומען אויף סטעיט אייגנטום און צושטעלן זאכן אדער סערוויסעס אין שטיצע פון א פובליק פארזאמלונג אויב מען האט נישט א באזונדערע פערמיט אפמאך דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (NYS Office of General Services).**

**אינשורענס: די מענטש געדעקט אויף די סערטיפיקאט פון אינשורענס (Certificate of Insurance) מוז שטימען מיטן אפליקאנט אויסגערעכנט אין קעסטל 1 אויף די בויגן.**

← פארגעזעצט

301.6 פראצעדורן פאר אפליקאציע צו נוצן סטעיט אייגנטום פאר פובליק פארזאמלונג.

(a) פארלאנגען צו נוצן סטעיט אייגנטום פאר פובליק פארזאמלונג דארף ווערן געמאכט דורכן אפליקאנט אין די בויגן באשטימט דורך דער קאמישאנער כאטש 30 קאלענדער טעג איידער די פארלאנגטע באנוץ דאטום. די אפליקאציע מוז ווערן אונטערגעשריבן דורך די אפליקאנט אדער אן אויטאריזירטע באאמטער דערפון און מוז קלארשטעלן די נאמען פונעם אפליקאנט, די פארגעשלאגענעם דאטום, צייט, לענג, אויפן און לאקאציע פון די פלאנירטע אקטיוויטעט, א גרונטליכע שילדערונג פון די אקטיוויטעט, א שאצונג אויף די ערווארטעטע אנוועזנהייט און א שילדערונג פון סיי וועלכע פאסיליטעטן צו ווערן צוגעשטעלט דורך דער אפליקאנט אדער פארלאנגט צו ווערן צוגעשטעלט דורך דער קאמישאנער אין שטיצע פון די אקטיוויטעט. דער אפיס זאל ענטפערן אפליקאציעס וואס מען האט אריינגעגעבן אין צייט נישט שפעטער ווי פינף טעג איידער די פארלאנגטע באנוץ דאטום. דער קאמישאנער מעג, אויב א גוטע סיבה ווערט אויפגעוויזן, אוועקנעמען די צייטליכע באגרעניצונגען פאר ארויסגעבן א פערמיט פאר פובליק פארזאמלונג.

(b) יעדער אפליקאנט זאל באקומען אינשורענס דעקונג אין איינקלאנג מיט די פארלאנגען פון אפטיילונג 301.4(d) פון די טייל [זענט אונטן פאר באדינגונגען פון אפטיילונג 301.4(d)] אויסער ווי מען האט געגעבן א וועיווער דורך די אפיס. אן אפליקאנט קען פארלאנגען און ווערן געגעבן א וועיווער פון די אינשורענס פארלאנג וואו זיי קענען צופרידנשטעלנד אנצייגן אז (1) די פארזאמלונג איז באשיצט אונטער די ערשטע אמענדמענט פון די פאראייניגטע שטאטן קאנסטיטוציע, און (2) אזעלכע אינשורענס איז זייער שווער פינאנציעל אדער קען מען עס נישט באקומען, אזוי ארום צו פארמיידן דעם אפליקאנט פון אויספירן אזא פארזאמלונג.

(c) דער קאמישאנער האלט אן די רעכט צו פארלאנגען ספעציעלע איינריכטונגען זאלן ווערן צוגעשטעלט אויפ'ן אפליקאנט'ס אויסגאבע. אזעלכע איינריכטונגען קענען אריינרעכענען, אן באגרעניצונג, ספעציעלע זיכערהייט מיטלען, ערשטע הילף איינריכטונגען און גענוג פארטעבל טוילעט איינריכטונגען. אנטיילנעמער דארפן אויך נאכקומען מיט אלע גילטיגע סטעיט און לאקאלע העלט געזעצן און פארשריפטן.

(d) א פובליק פארזאמלונג קען בלויז ווערן אפגעהאלטן אין א פלאץ אנגעצייגט אויף די פערמיט און דורכאויס אזעלכע דאטומס און צייטן אין אין אזא אויפן ווי ערלויבט דורך די פערמיט.

(e) אויב אן אפליקאציע ווערט אפגעזאגט, וועט דער אפליקאנט ווערן געמאלדן שריפטליך וועגן די סיבה(ות) פאר די אפזאג, און וועט ווערן אינפארמירט אויב דער אפזאג קען ווערן אפעלירט דורך שריפטליכע פארלאנג צו דער קאמישאנער אריינגעגעבן אינערהאלב 15 טעג פון ערהאלטן דעם מעלדונג פון אזא אפזאג. דער קאמישאנער קען צוריקטוישן, באשטעטיגן אדער טוישן דעם אריגינעלן אפשטימונג. דער קאמישאנער'ס שריפטליכע אפשטימונג אויף די אפיעל זאל ווערן צוגעשטעלט נישט שפעטער ווי 24 שעה איידער די פארלאנגטע פארזאמלונג צייט.

(f) ביים איבערקוקן אפליקאציעס פאר פובליק פארזאמלונגען אדער אפזאגן דערפון, קען דער קאמישאנער באטראכטן די אוועילעביליטי פון אנדערע צייטן, דאטומס, לאקאציעס אדער מיטלען פאר די אויספירונג פון אזעלכע אקטיוויטעט.

(g) דער קאמישאנער קען צוריקרופן א פערמיט סיי וועלכע צייט אויף די גרונטן פארגעשטעלט אין טייל 301.7 פון די טייל.

301.7 רעכט אפצוזאגן אן אפליקאציע.

דער קאמישאנער האט די רעכט אפצוזאגן סיי וועלכע אפליקאציע פאר באנוץ פון סטעיט אייגנטום ווען אזעלכע באנוץ וואלט געווען שעדליך אדער וואלט נישט גוט געווירקט אויף די אומשטענדן פון די סטעיט אייגנטום, וואלט געצוימט די געהעריגע אויספירונג פון סטעיט אפעראציעס, אדער וואלט פארגעשטעלט א קלארע ריזיקע צו פערזאנען אדער אייגנטום. ווי אויך, קען מען אפזאגן אן אפליקאציע פאר סיי וועלכע פון די פאלגנדע סיבות:

(a) א פריערדיגע אפליקאציע פאר א פערמיט פאר די זעלבע צייט און אלגעמיינע לאקאציע איז שוין אדער וועט ווערן געגעבן און די אקטיוויטעטן ערלויבט דורך יענע פערמיט ערלויבן נישט לאגיש מערערע אקיופענסי אויף יענע ספעציפישן ארט; אדער

(b) די אפליקאציע, אריינגערעכנט סיי וועלכע פארלאנגטע ביילאגעס און אריינגעבונגען, איז נישט געווארן אינגאנצן אויסגעפולט אדער אויסגעפירט; אדער

(c) דער אפליקאנט האט פארפעלט צו באקומען פארלאנגטע אינשורענס אדער אינשורענס וועיווער; אדער

(d) די אפליקאציע ענטהאלט א מאטעריאל פאלשקייט אדער שלעכטע פארטרעטונג; אדער

(e) דער אפליקאנט קען נישט לעגאל קאנטראקטן אדער קלאגן אדער ווערן אנגעקלאגט; אדער

(f) דער אפליקאנט אדער דער פערזאן אויף וועמענ'ס נאמען די אפליקאציע פאר פערמיט איז געמאכט געווארן האט שוין אין פריערדיגע פעלער געשעדיגט סטעיט אייגנטום, אדער איז שולדיג געלט פאר'ן סטעיט; אדער

(g) אין די פריערדיגע פיר יאר, האט דער אפליקאנט פארלעצט א מאטעריאל טערמין אדער באדונג פון א סטעיט באנוץ פערמיט, אדער סיי וועלכע געזעץ, אדער פארשריפט פארבינדן צו די באנוץ פון סטעיט אייגנטום; אדער

(h) די באנוץ אדער אקטיוויטעט וואס דער אפליקאנט האט געוואלט נוצן איז זיך סותר מיט פראגראמען געספאנסערט דורך דער קאמישאנער און באשטימט פאר די זעלבע אלגעמיינע לאקאציע און אלע אדער א טייל פון די זעלבע צייט; אדער

(i) דער באנוץ אדער אקטיוויטעט וואס דער אפליקאנט האט געוואלט נוצן איז נישט אין איינקלאנג מיט דער באשטימטע צוועק פון די ספעציפישע לאקאציע פארלאנגט; אדער

(j) די לאקאציע פארלאנגט איז נישט געאייניגט פאר די באנוץ אדער אקטיוויטעט וואס מען האט געוואלט צוליב איר ספעציעלע נאטור; אדער

(k) דער באנוץ אדער אקטיוויטעט וואס מען האט געוואלט נוצן וואלט אומנויטיג געשטערט מיט די הנאה פון די לאקאציע דורך אנדערע; אדער

(l) די צאל פארשוינען וואס זענען פארמישט אין די פארזאמלונג שטייגט איבער די צאל וואס קען לאגיש ווערן אקאמאדירט אין די ספעציפישע לאקאציע; אדער

(m) דער באנוץ אדער אקטיוויטעט וואס דער אפליקאנט האט געוואלט נוצן איז פארבאטן דורכן געזעץ אדער דורך די טייל.

301.8 רעכט צו באגרעניצן באנוץ צוליב אומפאראויסגעזעענע אומשטענדן.

דער קאמישאנער האט די רעכט צו באגרעניצן די באנוץ פון סטעיט איינריכטונגען, צו סיי וועלכע צייט, צוליב די אומפאראויסגעזעענע אנפירונג פארלאנגען.

301.9 סקעדזשולינג, צוריקרופן, אין איינקלאנג מיט אפליקאציע.

פאסיליטעט אנפירער זאלן זיין פאראנטווארטליך פאר די סקעדזשולינג פון באנוץ פון סטעיט איינריכטונגען. פלאנירטע פארזאמלונגען מוזן ווערן דורכגעפירט אינערהאלב די באשטעטיגטע פאקטארן, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו די געשילדערטע באנוץ, צייט ראמען, פיזישע ערטער און סיי וועלכע באדינגונגען געשטעלט דורך דער קאמישאנער. פארזאמלונגען אדער אקטיוויטעטן וואס זענען נישט אין איינקלאנג מיט די באשטעטיגטע פאקטארן זענען א פארלעצונג פון די טייל און קענען זיין אויסגעשטעלט צו קומען צו אן ענדע. באשטעטיגונג פון א פארזאמלונג מיינט נישט אן ענדערסמענט דורך די סטעיט און דער קאמישאנער קען פארלאנגען אז אן אפליקאנט זאל אריינלייגן פאסיגע דיסקלעימערס אין אירע מאטעריאלן אדער אויסגאבעס. דער סטעיט זאל נישט זיין פאראנטווארטליך פאר סיי וועלכע פארלוסט אדער שעדיגונג צו פערזענליכע אייגנטום אדער פאר פערזענליכע שעדיגונג וואס פאסירט אויף סטעיט אייגנטום; מיט'ן באדינג, אבער, אז די טייל זאל נישט אוועקנעמען די קאמישאנער פון באטראכטונג פון א קלאגע פאר אייגנטום שעדיגונג אדער פערזענליכע שעדיגונג אין איינקלאנג צו טייל 8(12-a) פון די סטעיט פינאנץ געזעץ.

301.4(d) אינשורענס.

אינשורענס פארלאנגען ווערן געמאכט צוצושטעלן גענוג פינאנצירונג פאר די פארגיטיגונג פון די סטעיט פון ניו יארק און די אפיס פאר קלאגעס פון קערפערליכע שאדן אדער אייגנטום שאדן וואס קומט פון אדער אין סיי וועלכע וועג פארבינדן מיט די באנוץ פון סטעיט פאסיליטעטן ווי עס שטייט דא. עס איז די פאליסי פון די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס צו פארלאנגען קאמערציאלע אלגעמיינע לייעביליטי אינשורענס מיט באגרעניצונגען פון נישט ווייניגער ווי $1,000,000 פער פאסירונג, $2,000,000 אין דעם אגרעגעיט, וואס שטעלט די נאמען פון די מענטשן פון די סטעיט פון ניו יארק, אירע באאמטער, אגענטן און איינגעשטעלטע, אלץ אויך געדעקט. א סערטיפיקאט פון אינשורענס אין אן אופן וואס איז אנגענומען ביים קאמישאנער, וואס לייגט די נאמען פון די סטעיט אלץ אויך געדעקט, מוז געשיקט ווערן צום קאמישאנער איידער מען פאנגט אן סיי וועלכע פארזאמלונג. אנדערע אראנדזשירונגען קענען געמאכט ווערן פאר זעלבסט-געדעקטע רעגירונג איינהייטן נאכן ערהאלטן פריערדיגע באשטעטיגונג פון דעם קאמישאנער, בלויז אויב דער ענליכע פינאנציעלע סעקיוריטי ווערט ערהאלטן. די מענטש געדעקט אויף די סערטיפיקאט פון אינשורענס מוז שטימען מיטן אפליקאנט אויסגערעכנט אין קעסטל 1 אויף די בויגן.